ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# וילך

אידיש

**552**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק חמישים

## נצבים-וילך

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, די שמועס פונעם מענטש מיט די איברים פון זיין און נפש, איבער דעם צער וואָס ער איז זיי גורם מיט זיין זינדיגן.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון פופציגסטער פרק


א. דער מענטש זאָל רעדן צו זיין האַרץ, וועגן יעדן אבר פון זיינע איברים, ווי ער האַלט אָפּ פון זיי אַלע גוטס וואָס וועט קומען אויף יעדן איינעם פון זיי, ווען די גאולה וועט קומען. ........ ג

ב. ווען דער מענטש וועט זיך אַריינטראַכטן וואָס ער פאַרמיידט פון דער גאולה, וועט ער זיך געוויס אומקערן. ........ ד

ג. ער זאָל זיך אַריינטראַכטן אַז זיינע זינד מאַכן אַ גרויסן פגם, ווייל זיין נשמה איז געשטאַנען אויפן הר סיני. ........ ה

# פרק חמישים

**דער מענטש זאָל רעדן צו זיין האַרץ, וועגן יעדן אבר פון זיינע איברים, ווי ער האַלט אָפּ פון זיי אַלע גוטס וואָס וועט קומען אויף יעדן איינעם פון זיי, ווען די גאולה וועט קומען.**

**א. יום הגאולה,** דער טאָג פון דער גאולה און דאָס שלימות וואָס וועט דעמאָלט גרייכן, זאָל דער מענטש אַרויפלייגן אויף זיין זכרון, און זאָל רעדן מיט זיין האַרץ, ווי ער איז זיך מצער אויף אַלע פרטים פון די איברים פון זיין גוף, ווייל, עס ווערט פאַרמיטן דאָס שלימות פון אים, ווען ער איז אין גלות, און ער איז דאָס גורם מיט זיינע שלעכטע מעשים, ווייל ער איז גורם אַז דער בית המקדש זאָל נישט געבויט ווערן, און אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, אַז יעדערער וואָס דאָס בית המקדש ווערט נישט געבויט אין זיינע טעג, איז גלייך ווי עס וואָלט חרוב געוואָרן אין זיינע טעג, דעריבער זאָל ער רעדן מיט זיין האַרץ איבער יעדן אבר, ער זאָל אָנהויבן פון זיין קאָפּ, און אויסלאָזן ביי די פיס, און אַזוי זאָל ער זאָגן.

**ב. ראשי,** מיין קאָפּ, מיין קאָפּ, ווי פאַרמיידן דיר מיינע זינד פון צו זיין אַ מרכבה צו דער שכינה. און פאַרוואָס, מיין שטערן, פאַרמייד איך פון דיר, עס זאָל זיין אויפגעשריבן און אויפגעצייכנט אויף דיר דער שם הוי"ה. און איבער וואָס, מיינע אויערן, פאַרמייד איך אייך פון צו הערן דעם קול פון דעם מבשר, וואָס וועט מאַכן הערן די הילף. און מיינע אויגן, פאַרוואָס זאָל איך פאַרהוילן פון אייך צו זען די ליכט וואָס איז באַהאַלטן פאַר די צדיקים פון ששת ימי בראשית, וואָס דער מענטש קוקט דורך איר פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, אויך פאַרהויל איך אייך פון צו זען די חידושים פון דער וועלט, תחיית המתים און ווי אַ פרוי וועט געבוירן אַלע טאָג קינדער, און וועט נישט האָבן קיין צער פון דעם טראָגן און פון דעם געבוירן, און ווי דאָס קינד

וועט געבוירן ווערן וועט ער גלייך קענען שטיין, און וועט רעדן וואונדערליכע זאַכן, און נאָך פיל אַזעלכע חידושים.

**ג. ומדוע,** און מיין מויל, פאַרוואָס פאַראורזאַכן מיינע זינד דעם אָפּהאַלט פון דער גאולה, און דורך דעם פאַרמיידן פון דיר דאָס עסן פון דעם לויתן ביי דער סעודה פון די צדיקים, און נאָך פיל אַנדערע סאָרטן תענוגים וואָס וועלן דעמאָלט זיין ביי דער הייליגער סעודה.

**ד. ולמה,** און מיין גומען, פאַרוואָס זאָל איך פון דיר פאַרמיידן דאָס פאַרזוכן פון דעם וויין, וואָס איז אָפּגעהיט אין זיינע ווייַנטרויבן פון ששת ימי בראשית, און אַזוי זאָל ער זאָגן אויף יעדען פון זיינע איברים.

**ווען דער מענטש וועט זיך אַריינטראַכטן וואָס ער פאַרמיידט פון דער גאולה, וועט ער זיך געוויס אומקערן.**

**ה. ובזה,** און דורך דעם וואָס דער מענטש וועט זיך אַריינטראַכטן אין די גוטס וואָס ער פאַרמיידט פון זיך דורך זיינע זינד, און דער שאָדן און דער צער וואָס ער איז גורם צו זיין נשמה און זיין גוף, אַז זיי וועלן זיכער געמשפט ווערן אין דעם טאָג ווען זיי וועלן קומען אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון אויף דעם וואָס ער האָט ביז אַהער געזינדיגט, און אַז דער מענטש וועט דאָס אַלץ טראַכטן אויב ער האָט געזינדיגט, וועט ער געוויס תשובה טאָן, און אויב ער האָט נאָך נישט געזינדיקט וועט ער שוין נישט זינדיגן, און צום ווייניגסטן אַפילו ער וועט זינדיגן ווען דאָס נישט זיין במזיד, און מיט ווידערשפעניגקייט נאָר בדרך אונס וואָס דעמאָלט איז די זינד נישט שווער, און זיי קענען גרינג אָפּגעמעקט ווערן.

**ער זאָל זיך אַריינטראַכטן אַז זיינע זינד מאַכן אַ גרויסן פגם, ווייל זיין נשמה איז געשטאַנען אויפן הר סיני.**

**ו. ומה גם,** און מכל שכן, אַז ער וועט טראַכטן אַז זיינע זינד מאַכן אַ גרויסן פגם, ווייל די נשמות פון די אידן זענען געשטאַנען אויפן באַרג סיני, און זענען מחוייב געוואָרן אין די מצוות, און דערפאַר איז דער פגם וואָס דער מענטש מאַכט דורך זיינע זינד אַ גרויסער פגם, און ווייל די אידן זענען געשטאַנען אויף דעם באַרג סיני, איז זייער פגם גרעסער און ווערט מער געפילט.

❁ ❁ ❁

בס"ד

**נדבת**

הרה"ח מוהר"ר

**יעקב שלמה גאלדשטיין** נ"י

לעילוי נשמת אביו

הרה"ג החסיד

מוהר"ר **אשר ענזיל זצ"ל**

בן הרה"צ החסיד המפורסם הר"ר

**יעקב שלמה גאלדשטיין**
**זצוקלה"ה**

נפטר ביום הכפורים שנת תשנ"ד לפ"ק

ת. נ. צ. ב. ה.